Publié par
l'Association
pour l'Etude
et la Diffusion de
la Culture yiddish
(A.E.D.C.Y.)

# דער ייִדישער
# טעם-טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש-לערנערס

אַ פּובליקאַציע
פֿון דער
געזעלשאַפֿט
פֿאַרן ייִדיש-למוד
(געפֿײַל)

כּסלו תּשנ״ו / דעצעמבער 1995

יאָר 1, נומער 2





## און מע גייט... און מע גייט...

איין זאַך איז קלאָר. אַז איר לייענט דעם אַרטיקל, הייסט עס אַז דער שטרײַק איז אַריבער און אונדזער לעבן איז ווידער געוואָרן (כּמעט) נאָרמאַל. איין גוטע זײַט פֿון דעם שטרײַק (ווי אַלע האָבן באַמערקט) איז דאָס וואָס די פּאַריזער זײַנען געוואָרן זייער סימפּאַטיש און וווּנדערלעך גוטהאַרציק. אָבער פֿאַר אונדז (אפֿשר איז עס אַ ביסל עגאָיסטיש) איז אַ שאָד אַז מיר האָבן פֿאַרפֿעלט אַ סך ייִדיש-קורסן און פֿאַרשפּעטיקט מיטן אַרויסברענגען דעם *טעם-טעם*.

אין דעם נומער וועט איר געפֿינען אַן אַרטיקל וועגן חנוכּה, ווו מע דערציילט דעם נס פֿונעם קריגעלע בוימל, גענוג אויף איין טאָג, וואָס האָט געברענט גאַנצע אַכט טעג. קענען מיר אפֿשר זען אין דעם שטרײַק נאָך אַ נס ? אַ שטרײַק וואָס האָט געדאַרפֿט דויערן איין טאָג האָט געדויערט איבער צוואַנציק...

## אין פּאַריז אין דעצעמבער

### ספּעציעלע לעקציע פֿאַר אָנהייבערס

| אומנייטיקע ווערטער (mots inutiles) | נייטיקע ווערטער (mots utiles) |
|---|---|
| דער מעטראָ | דער שטרײַק |
| די באַן | די פֿיס |
| דער אויטאָבוס | די שיך |
| די פּאָסט | דאָס געדולד |
| די טוריסטן | די סאָלידאַריטעט |



# די געשיכטע פֿון חנוכּה

## ווען דער קאַלטער ווינטער הייבט זיך אָן, קומט דער פֿריילעכער יום-טובֿ חנוכּה.

אינעם שטעטעלע מודיעין[1], אין ארץ-ישראל אין דעם צווייטן יאָרהונדערט פֿ״ק[2], האָט געלעבט אַן אַלטער מאַן מיטן נאָמען מתּתיהו[3], אַ כּהן[4] וואָס האָט געשטאַמט פֿון ירושלים. אין אָט די צײַטן איז דאָס ייִדישע פֿאָלק געווען אונטער דער גריכישער השפּעה[5]. אַ סך ייִדן האָבן שוין איבערגענומען די גריכישע מנהגים[6]. טייל ייִדן זײַנען פֿונדעסטוועגן[7] תּמיד[8] געבליבן געטרײַ דער ייִדישער אמונה[9]. דער מלך האָט דעמאָלט געהייסן אַנטיוכוס עפּיפֿאַנעס. ער האָט זיך אַליין גערופֿן „אַנטיוכוס דער פּרעכטיקער[10]" אָבער די ייִדן האָבן אים גערופֿן „אַנטיוכוס דער משוגענער[11]". ער האָט געפּרוּווט מיט געוואַלד אײַנצופֿירן די געצן-דינערײַ[12]. ער האָט באַפֿוילן אַז די ייִדן זאָלן אויפֿהערן צו לעבן לויט די ייִדישע דינים[13] און ער האָט געפֿירט מלחמה קעגן די וואָס האָבן נישט געוואָלט ווערן געצן-דינערס. ער איז אָנגעפֿאַלן אויף ירושלים מיט אַ גרויסער אַרמיי און דאָרטן האָט ער געהייסן די סאָלדאַטן אַרײַנגיין אין בית-המקדש[14]. אינעווייניק האָבן זיי פֿאַראומרייניקט דעם מזבח[15] און אַוועקגעשטעלט אַ גריכישן געץ.

(סוף אויף זײַט 4)




אין אָט דער צײַט פֿון יאָר ווען די וואַקאַציעס קומען אָן ווילן אַ סך מענטשן אָדער זײַן געסט בײַ פֿרײַנד און פֿאַמיליע אָדער פֿארבעטן געסט צו זיך. איןביידע פֿאַלן איז כּדאי[1] איבערצולייענען דאָס סאַטירישע ליד פֿון „דעם טונקעלען" און אפֿשר אויך איבערצוטראַכטן דאָס ווײַטערדיקע שפּריכוואָרט: דרײַ טעג איז מען אַ גאַסט, שפּעטער ווערט מען צו לאַסט[2].

1)KEDAY valoir la peine זײַן כּדאי     כּדי KEDEY afin que; 2) fardeau

# דאַטשע[1]-געסט

געסט, געסט, גייען געסט,
מזרח, דרום, אָסט און וועסט*,
פֿון סאַמאַרע און פֿון ברעסט,
קאָוונע, ניצע און טריעסט[2],
גייען געסט, גייען געסט.
טאַטעס, מאַמעס מיט די קינדער,
מיט די קינדערס שוועסטער-קינדער[3],
און משפּחות און געזינדער[4] -
גייען געסט, גייען געסט,
חתן-כּלה[5], קינד-און-קייט[6],
און מען גייט און מען גייט,
גייען געסט, גייען געסט.
ווו דו קוקסט און ווו דו זעסט

קומען געסט, קומען געסט...
קומען, גייען ווײַב און מאַן,
מיטן פֿור און מיטן באַן,
מיט קאָלייקע[7] און געשפּאַן[8].
(...)
געסט, געסט, געסט, געסט,
קומען איידעמער אויף קעסט[9]
און מען טרינקט און מען עסט,
נישט מען עסט נאָר מען פֿרעסט,
און מען אַכלט[10] טאַקע פֿעסט.
(...)
גייען געסט, גייען געסט,
מאַכן זיך בײַ מיר אַ נעסט
(...)
און מען שרײַבט און מען לעזט[11],

און מען נייט און מען פּרעסט
און מען פּאַסט[12] און מען מעסט[13],
און מען טומלט און מען רעדט,
פֿון פֿרימאָרגן ביז שפּעט.
און מען הערט נישט מײַן געבעט,
און מען הערט נישט מײַן פּראָטעסט.
אָט די געסט, אָט די געסט.
ענג[14], אַ שטיקעניש[15], פֿון דעסט
וועגן[16] גייען ווײַטער געסט,
גייען געסט, גייען געסט,
גאַנצע מחנות[17] געסט, געסט,
פּונקט, ווי אויף אַ מאַניפֿעסט
ס'ציִען, גייען, קומען געסט,
געסט, געסט, געסט, געסט,-
קומען זאָל אויף זיי אַ פּעסט.

1) זומער-ווווינונג ; 2) נעמען פֿון שטעט ; 3) קוזין, קוזינקע ; 4) maisonnée ; 5) KHOSN-KALE fiancés ; 6) tutti quanti ; 7) קליינע באַן ;
8) פֿערד און וואָגן ; 9) gendres entretenus par leurs beaux-parents ; 10) עסן מיט אַפּעטיט (הומאָריסטיש) ; 11) לייענט ; 12) ajuster ;
13) mesurer ; 14) נישט ברייט ; 15) צו פֿיל מענטשן אויף איין אָרט ; 16) פֿונדעסטוועגן néanmoins ; 17) MAKHNES גרויסע גרופּעס

# *דער טונקעלער (פּסעוודאָנים פֿון יוסף טונקעל 1881 - 1949)*

איינער פֿון די פּאָפּולערסטע שרײַבערס פֿון דער ייִדישער פּרעסע צווישן ביידע וועלט-מלחמות. געבוירן אין באַברויסק, ווײַסרוסלאַנד, אַ זון פֿון אַ מלמד. צו ערשט האָט ער שטודירט מאָלערײַ אין דער ווילנער צייכנשול אָבער צוליב זײַן קורצער ראיה[1] האָט ער נישט געקענט ווערן אַ מאָלער און האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דער ליטעראַרישער אַרבעט.
זײַן גאַנץ לעבן האָט ער געשריבן אין פֿאַרשיידענע ייִדישע צײַטונגען אין אייראָפּע און אַמעריקע (צום בײַשפּיל



„מאָמענט" אין וואַרשע און „פֿאָרווערטס" אין ניו-יאָרק). ער האָט געשריבן סאַטירעס און פּאַראָדיעס, פֿעליעטאָנען[2] און הומאָרעסקעס, לידער און טעאַטער-פּיעסעס, און האָט אָפֿט געצייכנט קאַריקאַטורן צו זײַנע אַרבעטן.
זײַנע שריפֿטן זײַנען אויך געדרוקט געוואָרן אין בוכפֿאָרעם.
פֿון 1906 ביז 1910 האָט ער געוווינט אין אַמעריקע. נאָך דעם איז ער צוריק קיין וואַרשע ווו ער איז געבליבן ביז 1939. אָנגעקומען אין פֿראַנקרײַך אין 1940, איז ער אַרעסטירט געוואָרן אָבער האָט געקענט זיך ראַטעווען און איז ווידער געפֿאָרן אין אַמעריקע.

1) RIE vue ; 2) billets d'humeur

# צי האָט פּאַול צעלאַן בשתּיקה[1] געלערנט יאַפּאַניש?

פֿון 23סטן ביז 27סטן נאָוועמבער איז פֿאָרגעקומען אין פּאַריז אַן אינטערנאַציאָנאַלער פּאַול צעלאַן סימפּאָזיום אָרגאַניזירט פֿון זשאָרזש פֿערענזי. כאָטש צעלאַנס פּאָעזיע איז נישט קיין פּשוטע און



מען וואָלט זיך געקענט ריכטן נאָר אויף אַ בינטל[2] ספּעציאַליסטן, האָט זיך אַהין געשטופּט אַ גרויסער עולם. מיר האָבן דאָ נישט גענוג פּלאַץ צו באַשרײַבן די רעפֿעראַטן פֿון איבער 40 פֿאָרשער, איבערזעצער, פֿאַרלעגער[3] אָדער סתּם ליבהאָבער פֿון צעלאַנען - געקומען פֿון פֿראַנקרײַך, דײַטשלאַנד, פֿאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע, רומעניע, יאַפּאַן, פּוילן, מצרים און אַנדערע לענדער (אַ שאָד אַז פֿאַר די אויסלענדישע געסט, וואָס פֿאַרשטייען נישט קיין פֿראַנצייזיש, האָט מען נישט באַזאָרגט קיין סימולטאַנע איבערזעצונג). זיי האָבן זיך באַטייליקט אין 10 דיסקוסיעס וועגן פֿאַרשיידענע אַספּעקטן פֿון צעלאַנס שאַפֿונג, זײַן שפּראַך, די פֿאַרנעפּלטקייטן[4] אין זײַנע לידער, זײַן באַציִונג צו רעליגיע , צו דער דײַטשער שפּראַך, זײַן טעטיקייט אַלס איבערזעצער (פֿון פֿראַנצייזיש, רוסיש, רומעניש, ענגליש, העברעיש, א״אַ), וועגן די פּראָבלעמען פֿאַרבונדן מיט דער איבערזעצונג פֿון זײַנע לידער, וועגן ווי אַזוי מע האָט זיי אויפֿגענומען אין אַ ריי לענדער...

נישט קוקנדיק אויף אַ פּאָר טעכנישע שוועריקייטן, האָט מען געלאָזט הערן צעלאַנס שטים אין אַן אינטערוויו (ס׳איז געווען אַ זעלטענע אָקאַזיע צו הערן דעם פּאָעט רעדנדיק פּשוט און קלאָר !), און לייענענדיק זײַנע לידער. מע האָט אויך געוויזן צוויי פֿילמען : פֿון ר. בעקערמאַן וועגן בוקאָווינע און פֿון אַ. סאָלאָמאָן וועגן צעלאַנס רומענישע יאָרן און זײַן פֿרײַנדשאַפֿט מיט פּעטרע סאָלאָמאָן.

אויפֿן אָוונט פֿון „פּאָליפֿאָניש פֿאָרלייענען" האָט מען געקענט הערן ווי אַזוי עס קלינגען זײַנע לידער אין אָריגינאַל און אין די איבערזעצונגען אויף אַנדערע שפּראַכן - אויך אויף ייִדיש, זייער שיין פֿאָרגעלייענט פֿון בתיה בוים.

צווישן אַלע דיסקוסיעס האָט נישט געקענט פֿעלן די טעמע פֿון ייִדישקייט. עס זענען פֿאָרגעקומען אפֿילו צוויי, זייער אינטערעסאַנטע, פּאַנעלן, מיט אַ פּנים[5] אַנטקעגנדיקע טעמעס : „דאָס זײַן אַ ייִד" - און „אוממעגלעך צו זײַן אַ ייִד" - אין דער פּאָעזיע פֿון צעלאַן. ס׳איז לײַדער[6] נישטאָ קיין פּלאַץ פֿאָרצושטעלן אפֿילו אין ברייטע שטריכן אַלע בײַטראָגן, וואָס יעדער איינער פֿון זיי האָט פֿאַרדינט, אַז מע זאָל זיך אין אים פֿאַרטיפֿן. מיר וועלן נאָר דערמאָנען אַז מע האָט דאָרטן גערעדט, צוו״אַ, וועגן צעלאַנס באַציִונג צו דער ייִדישער קולטור אין זײַן יוגנט אין טשערנאָוויץ (ש. דאָבזשינסקי האָט דערמאָנט, אַז אין עלטער פֿון 12 יאָר האָט צעלאַן מיט גרויס הנאה[7] געלייענט שטיינבאַרגס „משלים") און נאָכן חורבן ( אין אַ פּאָר פֿון זײַנע לידער קומען פֿאָר ייִדישע ווערטער און ציטאַטן).

פֿיל מאָל האָט מען אָנגערירט די פּראָבלעם פֿון צעלאַנס שווערער באַציִונג צו דײַטש, וואָס איז פֿאַר אים געווען גלײַכצײַטיק ממש די מוטערשפּראַך און די שפּראַך פֿון די מערדער. ר. ערטעל האָט אַרויסגעהויבן טשיקאַווע פּאַראַלעלן צווישן עטלעכע חורבן-מאָטיוון בײַ צעלאַנען און בײַ גלאַטשטיינען, צייטלינען און אײַכנראַנדן. אַ. נוס האָט




אַנאַליזירט דאָס ליד „כאַטע[8]-פֿענצטער" און גערעדט וועגן דעם כּוח פֿון אות אין דער ייִדישער קולטור און בײַ צעלאַנען. ער האָט אָנגעוויזן אויף דעם, אַז דאָס וואָרט „בית"-„הויז" פֿונעם ליד, איז גלײַכצײַטיק ווי אַן אות „ב" אַ סימבאָל פֿון אַן עפֿענונג. אין אַן ענלעכער ריכטונג ווי אַ. נוס איז געגאַנגען יאָקאָ טאַוואַדאַ פֿון יאַפּאַן, וואָס האָט אַנטדעקט אין דער יאַפּאַנישער איבערזעצונג פֿון עטלעכע לידער פֿון צעלאַן פֿונעם ציקל „זיבן רויזן שפּעטער" דעם אידעאָגראַם מיט דעם באַטײַט „טויער" (וואָס איז אַ סימבאָל פֿון עפֿענונג און איבערגאַנג) ווי טייל פֿון די שליסל-ווערטער פֿון די לידער. אַ סימן, אַז צעלאַנס פּאָעזיע עפֿנט זיך - אָפֿט אויף אומדערוואַרטע אופֿנים - פֿאַר די לייענערס פֿון פֿאַרשיידענע לענדער און גייט איבער די גרענעצן פֿון שפּראַכן און קולטורן.

1) BESHTIKE en secret ; 2) אַ פּאָר ; 3) éditeurs ; 4) obscurités ; 5) apparemment ; 6) צום באַדויערן ; 7) HANOE plaisir ; 8) hutte

## בריוו אין רעדאַקציע

אַ שיינעם דאַנק אַלע לייענערס וואָס האָבן אונדז אָנגעשריבן „בראַוואָ" און „מזל-טובֿ". מיר וועלן שטענדיק פּרוּוון אײַך צופֿרידן שטעלן. מיר פּובליקירן דאָ אַ טייל פֿון אַ בריוו וואָס האָט אונדז פֿאַרשאַפֿט גרויס נחת[1].

„...זאָל דאָס עופֿעלע[2] וואַקסן אין חכמה[3] און כּוח[4]. מיר האָבן זײַנע ערשטע ווערטער מיט פֿיל פֿארגעניגן געלייענט און האָפֿן עס ווײַטער צו קענען טאָן." (פֿון די תּלמידים פֿון בתיה בוים).

1) NAKhES joie ; 2) OYFELE bébé ; 3) KhOKhME ; 4) KOYEKh

חנוכּה - סוף פֿון זײַט 1

אין מודיעין האָט מתּתיהו אויפֿגערופֿן די ייִדן : „ווער עס גלויבט אין אַן איינציקן גאָט זאָל קומען צו מיר‟. אַ סך מענטשן האָט ער צונויפֿגעזאַמלט. אָבער ער איז שוין געווען זייער אַלט. פֿאַרן טויט האָט ער פֿאַרזאַמלט זײַנע פֿינף זין : יוחנן, שמעון, יהודה, אליעזר און יונתן[16]. יהודהן האָט ער באַשטימט פֿאַרן מלחמה-פֿירער. דרײַ יאָר נאָך אַנאַנד האָבן די יידן געפֿירט דעם קאַמף קעגן דער סיריש-גריכישער אַרמיי.

צום סוף האָבן די ייִדן אָנגענומען ירושלים. די שטאָט איז געווען חרובֿ[17]. אַרום די פֿאַרברענטע טויערן פֿון בית-המקדש זענען געוואַקסן ווילדע גראָזן. יהודה האָט באַפֿוילן אַז זיינע קעמפֿער זאָלן פֿאַרריכטן דעם בית-המקדש, אים אויסרייניקן און אויפֿבויען אַ נײַעם מזבח. ווען מע האָט געוואָלט אָנצינדן דעם נר-תּמיד[18], דאָס ליכט וואָס ברענט אייביק, האָט מען געפֿונען נאָר איין קריגעלע ריינעם בוימל וואָס האָט געקענט ברענען בלויז איין איינציקן טאָג. דעמאָלט איז געשען אַ נס: דאָס קליינע ביסעלע בוימל האָט געברענט גאַנצע אַכט טעג. דערפֿאַר דויערט דער יום-טובֿ חנוכּה אַכט טעג.

ווען די חנוכּה ליכטלעך ברענען, הערט מען אויף צו אַרבעטן און צו לערנען. מע שפּילט אין קאָרטן און אין דריידל. אויף די זײַטן פֿונעם דריידל געפֿינען זיך די אותיות „נ ג ה ש‟ וועלכע זענען די ראשי-תּיבֿות[19] פֿון „נס גדול היה שם[20]‟ וואָס באַטײַט „אַ גרויסער נס איז געשען דאָרטן‟. בײַ די קינדער איז חנוכּה דער וויכטיקסטער און דער פֿריילעכסטער יום-טובֿ. זיי קריגן חנוכּה-געלט און מתּנות[21]. לכּבֿוד[22] דעם נס איז אַ מנהג צו עסן געפּרעגלטע[23] שפּײַזן. אַלע ווייסן וועגן לאַטקעס -טאָ לערנט זיך איצט אויס צו מאַכן פּאָנטשקעס.

**1) MOYDIIN 2) av. J-C פֿאַר קריסטוס ; 3) MATESYOHU Mathatias ;**
**4) KOYEN Cohen ; 5) HAShPOE influence ; 6) MINHOGIM coutumes (sing. מנהג MINHEG ) ; 7) néanmoins ; 8) TOMID toujours ;**
**9) EMUNE foi ; 10) le magnifique ; 11) MEShUGENER le fou ;**
**12) idolâtrie ; 13) DINIM lois ; 14) BEYS HAMIGDESh Temple ;**
**15) MIZBEYAKh autel ; 16) YOYKhENEN Yohanan, ShIMEN Simeon, YEHUDE Judas, ELIEZER, YOYNESN Jonathan ; 17) KhOREV en ruines; 18) NER TOMID la flamme éternelle ; 19) ROShE-TEYVES initiales ; 20) NES GODL HOYO ShOM ; 21) MATONES cadeaux ;**
**22) LEKOVED en l'honneur de ; 23) frits**



## *אַ מעלדונג אונדזערע לייענערס*

**איר האָט שוין מסתּמא[1] געזען אין קינאָ, אויף טעלעוויזיע און אין דער פּרעסע אַ גאַנצן רעקלאַמע-קאַמפּיין וועגן אַ נײַעם „טאַם-טאַם‟. זאָלט איר וויסן אַז דאָס האָט גאָרנישט צו טאָן מיט אונדז ! זייער *טאַם-טאַם* (מיט אַן „אַלף‟) איז אַ שוואַרץ עלעקטראָניש קעסטעלע וואָס גיט מעלדונגען**

**אויף פֿראַנצייזיש. אונדזער *טעם-טעם* (מיט אַן „עין‟) איז אַ קליינער, פּיר-זײַטיקער זשורנאַל וואָס גיט אינפֿאָרמאַציע פּראָסט[2] אויף מאַמע-לשון[3].**

**האָט נישט קיין טעות[4] און לייענט געזונטערהייט!**

**1) MISTOME sans doute ; 2) simplement ; 3) LOShN ; 4) TOES erreur**

<u>רעצעפּט</u>

## *פּאָנטשקעס[1]*

אינגרעדיענטן

פֿינף הונדערט גראַם מעל, פֿופֿציק גראַם צוקער, הונדערט גראַם מאַרגאַרין, דרײַ אייער, זאַלץ, צוואַנציק גראַם הייוון[2] און אײַנגעמאַכטס[3].

אויסמישן אין אַ כּלי[4] די מעל מיט די אייער, זאַלץ, צוקער, מאַרגאַרין און די הייוון פֿונאַנדערגעלאָזענע אין אַ ביסעלע וואַרעם וואַסער. אויסקנעטן אַ ווייך טייג. לאָזן דעם טייג ביז עס ווערט צוויי מאָל גרעסער פֿון פֿריער. אויסקנעטן ווידער אַ מאָל.

אויסוואַלגערן דעם טייג ביז אַ האַלבן צענטימעטער די דיק. אויסשנײַדן קרײַזלעך מיט אַ גלאָז. אַוועקלייגן אַ ביסעלע אײַנגעמאַכטס אין מיטן קרײַזל. צונויפֿקנייטשן דאָס קרײַזל און מאַכן אַ קליינעם באַל. לאָזן די באַלן אויפֿגיין[5] 45 מינוט לאַנג. אָנוואַרעמען דעם בוימל און פּרעגלען די פּאָנטשקעס. ווען זיי זענען שוין גרייט אָפּזײַיען[6] זיי און באַשיטן מיט צוקער.

**1) beignets ; 2) levure ; 3) confiture ; 4) KEYLE récipient ; 5) lever ; 6) égoutter**



ענטפֿער צום קעסטלשפּיל :



A.E.D.C.Y - Der Yidisher Tamtam
B.P. 720
75163 Paris CEDEX 04

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט :
אַניק, בערטראַן, זשיל, יצחק, נאַדיאַ, נאַטאַליאַ, רובי.